יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT פרייז 15 גראשען (ציהונג פון דער מלוכה-לאטעריע זעה זייט — 9) היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 188 | Łódź, Niedziela, 12 sierpnia 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג, א' אלול תרצ"ד | № 188

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


# דאלאר און פונט ווידער אין געפאהר

## צוליב פרעזידענט רוזוועלטס דעקרעט צו נאציאנאליזירען דאס זילבער

נ י ו - י א ר ק, 19 (ספ. טעל.)
אומסגעדיכט פאר אלעמען האט פרעז. רוזוועלט פערעפענטליכט דעם דעקרעט וועגען נאציאנאליזירען דאס זילבער. לויט דער ערקלערונג פון פינאנץ-מיניסטער איז דער דעקרעט בעשטימט געווארען נאך א קורצען טעלעפאנישען געשפרעך צווישען איהם און דעם פרעזידענט.

אין די פינאנציעלע ספערען ווערט דער דאזיגער דעקרעט לעבהאפט ארומגערעדט און מערשידענארטיג קאמענטירט.

לויט'ן דעקרעט האט די אמעריקאנישע רעגירונג דאס רעכט אויפצונעמען אין לאנד זילבער, וויפיל זי וויל נאר, לויט'ן פרייז 50,01 פאר א דאלאר פון א אונציע זילבער. די ניו-יארקער בערזע צאהלט פאר זילבער 49.96 פון א דאלאר.

וו א ר ש א, 11 (טעלעפאניש)
אין ווארשא האט געכטען זיך שטארק בעוואקלט דער קורס פון דאלאר.

פ א ר י ז, 11 (ספ. טעל.) „האוואס" מעלדעט פון בערלין, אז די דעציזיע פון פרעז. רוזוועלט צו נאציאנאליזירען דאס זילבער האט אין די דאזיגע ווירטשאפטליכע קרייזען ארויסגערופען אנ'אויפרודערונג. אין בערלין האלט מען, אז דער נייער קורס פון פונט און דאלאר וועלן טונדאמענטאל גורם זיין א צומישונג אין דער וועלט-ווירטשאפט.

## 20000 מענשן אויף רוזוועלטס פארעזונג

נ י ו - י א ר ק, 11 (ספ. טעל.)
אויפ'ן מיטינג, אויף וועלכען ס'האט גערעדט דער פרעזידענט רוזוועלט, זענען געווען איבער 20 טויזענד מאן. ס'איז נישט געווען מעגליך אויסצוהאלטען די היץ. עטליכע צעהנדליג מענשען האבען געחלשט.

## צוויי טויטע קערפער פון יודען אויפ'ן ים-ברעג אין תל-אביב

ת ל - א ב י ב, 11 (יט"א טעלעגר.)
אויפ'ן ברעג פון ים אין תל-אביב זענען ארויסגעווארפען געווארען די טויטע קערפער פון א יודישען יונגענמאן און א יודישע פרוי. מען נעמט אן, אז זיי זענען פאהרענדיג קיין ארץ-ישראל דערטרונקען געווארען אין ים.

## עסטרייכישער וויצע-קאנצלער אין רוים

### ער גרייט צו די בעגעגעניש פון מוסאליני'ן מיט קאנצלער שושניג

ו י ע ן, 11 (ספ. טעל.)
וויצע-קאנצלער שטארהעמבערג איז אינדערפריה מיט אנ'עראפלאן אפגעפלויגען קיין רוים, כדי צו בעזוכען די זומער-לאגערן פון דער עסטרייכישער יוגענד, וועלכע געפינט זיך אין לידא.

ר ו י ם, 11 (ספ. טעל.)
שטארהעמבערג איז אנגעקומען קיין רוים. ער איז אויפגענומען געווארען מיט א מיטאג דורך מינ. סוויטש. עס וועט דאן צושטאנדקומען א קאנפערענץ מיט מוסאליני'ן.

שטארהעמבערג וועט זאנדירען דעם באדען פאר דער בעגעגניש שושניג—מוסאליני.


היינט, זונטאג, דעם 12 אויגוסט, 3 נאכמיטאג קומט פאר
א גרויסע גארטען-פערוויילונג
העלענאוו!
לטובת די נאכט-פאגאטאוויע פון „לינת-הצדק", מיט א גרויסארטיגען פראגראם.
— 4 — נאכמיטאג סימפאנישער קאנצערט פון 40 פערזאן אונטער דער לייטונג פון דיר. ס. פיעטרושקא ס'ווערט אויסגעפיהרט ווערען יודישע מוזיק.
א גרויסע פאנטען-לאטעריע פון ווערט-פולע זאכען. יעדעס קינד בעקומט ביים אריינגאנג אין גארטען א מתנה.
אין פראגראם טרעטען ארויס די בעל. ארטיסטן סעם גאלדבערג און האלינא ווײנטרויב אין זעהר א רייכען פראגראם
א ספעציעל איינגעארדענטער ביליגער כשר'ער בופעט. שטיצט די נאכט-פאגאטאוויע פון „לינת-הצדק".
נאכט-פאגאטאוויע „לינת-הצדק"





„אגראייד"
ווארשא, קרולעווסקא 27
מיטוואך, ד. 15. אויגוסט, פונקט 6 א זייגער נ.מ. וועט די בעוואוסטע „איקאר"-טוערין אין אמעריקא פרוי
נינא מעדעם
זאל פילהארמאניע
לאדז, נארוטאוויטשא 20
אויף איהר צוריקרייזע פון אויסט-פלענום אין מאסקווע האלטען א רעפעראט א. ד. ט. „בירע-בידזשאן און זיינע פערספעקטיוון" איינלייט י. גאלדבערג סעקר. פון „אגראייד".
בילעטען צום פרייז פון 54 גר. און 1.09 זל. צו בעקומען אין פאר פארקויף אין טעטשעריס פיטריקאווער 18, פון 10—12 ביימאג און פון 5—8 אוו. און אין טאג פון רעפעראט פון 2 נאכמ. ביי דער קאסע פון פילהארמאניע.



קוראטאריום פון די שולן און קינדער-היימען א. נ. וול. מעדעם אין לאדזש.
שבת, דעם 18 ד. ח. 2 נאכמ. קומט פאר אין העלענאוו-גארטען
א גראנדיעזע
גארטען-פערוויילונג
ארב. געז. פאר פיזישער דערציהונג און פוילן „מארגנשטערן" אפט. אין לאדזש.
פערבונדען מיט א טורן-פעסט
אין פראגראם: ארטיסטיש-קינסטלערישער אויפטריט. סימפאנישער קאנצערט אונטער דער לייטונג פון דיר. ה' סעוו. פיעטרושקא. ארויסטריט פון בלאז-ארקעסטער ביי דער געז. „קולטור-ליגע".
פערשידענע אטראקציעס. רייכע פאנטען-לאטעריע מיט פיל ווערטפולע פאנטען. אייגענער ביליגער בופעט. 7 אוונט וועלען זיך אויף דער ספעציעל בעלויכטענער עסטראדע אנהויבען גימנאסטישע איבונגען אויסגעפיהרט פון די מענער- און פרויען-גרופען. פריי-איבונגען. איבונגען אויף מכשירים. ספארט-טאנץ. פיראמידען א. א.
בילעטען צום פרייז פון 1 זל. און 50 גראשען שוין צו בעקומען אין דער טעאטראל-ארטיסטישער אפטיילונג פון דער „קולטור-ליגע", זאכאדניע 68, פראנט פארטער.



די לייטונג פון די ערשטע ארטאדאקסישע לערן- און ערציהונגס-אנשטאלטען „דרכי נעם" — פון — גרשון אלי' ליסס
אין לאדז (קילינסקיעגא 50, טעל. 215-26; אלעע 1. מאי 20, טעל. 200-43) אין ווארשא, שוו. יערסקא 34, טעל. 11-15-98
מאכט בעקאנט, אז צום נייעם שול-יאהר 1934/35 ווערען אונזערע חנוך-מוסדות רעארגאניזירט און פערגרעסערט, הן אין די למודי קדש, הן אין למודי חול.
עס ווערען נאך אנגענומען תלמידים אין די פאלגענדע מחלקות: גן-ילדים מכינה א' וב', מחלקה ז' ומכינת המתבתא ומתבתא א' וב'
איינשרייבונגען פון תלמידים ווערען אנגענומען טעגליך פון 9—2 און פון 4—7 אין די קאנצעלאריעס ביי אונזערע לערן-אנשטאלטען.
בעמערקונג: די בחינות פאר די אלטע און נייע תלמידים פון ווארשעווער און לאדזער „דרכי נעם" הויבען זיך אן אי"ה ג' אלול לויט פאלגענדען סדר: פון 10—2 למודי קדש און פון 4—7 למודי חול. די למודים הויבען זיך אן אי"ה דעם 19 סעפטעמבער ד. ה. ח' אלול א' תצא הבע"ל
די הנהלה.

